


**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. — 5 Rbs. Półrocznie 5 K. — 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 — 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

**Jüdische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, — 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען — 2 50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2,75 קראנען, — 1,50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק. האלביעהריג 7 50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקא 62. טעלעפאן נו' 412.
עסטרר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נר' 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נו' 15.
הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאס, סטר. סארארי נו' 151.

# שרעקליכע ערד־ציטערניש אין פראנקרייך.



שרעקליכע ערדציטערניש אין פראנקרייך: צערשטערטע הייזער און קירכען דורך דער ערדציטערניש.

**אינהאלט:** קלאגנען וועגען א קריעג. — צעפעלי'ן'ס רייזע. — מיניסטער־קריזע אין עסטעררייך. — די גרעסטע דיאמאנטען. — רייבער־איבערפאל אויף א קלויסטער. — רייכסראטהערוואהל אין גאליציען. — א גרויסע וואלד־שרפה. — מענשען־לייכען אין

# יאזעראוויטש פייער אין לעמבערג.

פאר עטליכע וואכען איז אין גאליציען געפייערט געווארען די הונדערטסטע יאהרצייט פון דעם יודיש-פוילישען נאציאנאל-העלד בערעק יאזעלאוויטש, וועלכער האט געקעמפפט אונטער קאשציושקא און נאפאלעאן פאר דער פרייהייט פון פוילען.

רעמילט האט מען זיך אין לעמבערג דערמאנט, אז עס עקזיסטירט דארט א גאס מיט'ן נאמען „בערקא-גאס", וועלכע מען האט זיינערצייט אזוי גערופען צום אנדענקען פון דעם נאציאנאלען קעמפפער, אבער מיט דער צייט איז דאס אין גאנצען פערגעסען געווארען און אפילו די בעוואהנער פון דער גאס ווייסען נישט, נאך וועמען די גאס רופט זיך.

איבערדעם איז איינשטימיג בעשלאסען געווארען, אז די גאס זאל פון איצט אן גערופען ווערען „בערעק יאזעלאוויטש-גאס", און דאס אנבריגנען פון דער נייער גאסען-טאפעל זאל געשעהען מיט גרויס פאראר.

דיעזען זאנטאג איז דאס אויך געשעהען און צוואר איז די פייער אבגעלאפען זעהר ערנסט און ווירדיג. בעטהייליגט האבען זיך אין איהר נישט בלויז יודען, נאר אויך א גרויסער טהייל פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

די בערקא-גאס ווי אויך אלע נעבען-גאסען זענען געווען בעהאנגען מיט פאהנען, טעפיכע און בלומען, פאסט אלע הייזער זענען געווען פערפוצט און דעקארירט.

10 א זייגער פארמיטאג איז אבגעהאלטען געווארען אים יודישען טעמפעל א פייערליכער גאטעסדיענסט, ביי וועלכען ראבינער דר. גוטמאן האט געהאלטען די פעסטרעדע.

דערווייל האט זיך אויף דער בערקא-גאס פערזאמעלט א אונגעהייערע פאלקסמענגע, דארונטער די מיטגליעדער פון געמיינדע-ראטה מיט'ן וויצע-בירגערמייסטער דר. רוטאווסקי, די פערטרעטער פון די צעכען, פון פיעלע נאציאנאלע פעראיינע, די „גוויאזדא", פערטרעטער פון יודישע חברות עטצ. עטצ.

נאך'ן גאטעסדיענסט אים טעמפעל האבען אלע טהיילנעמער מארשירט אין א פייערליכען אויפצוג דורך זאלקיעווסקא-גאס, קראקויער פלאץ און גאטדיידע פלאץ צו דער בערקא גאס. דא'ט האט אויף א ערריכטעטער טריבינע דער וויצעבירגערמייסטער דר. רוטאווסקי געהאלטען



ר' בנימין פיין ז"ל.

א פעסט-רעדע, אין וועלכער ער האט אויפגעצעהלט די מעלות פון בערעק יאזעלאוויטש און פערזיכערט, אז די פוילען וועלען זיין נאמען תמיד געדענקען מיט כבוד.

עס האבען נאך געשפראכען ה' איז. קארלסבאד אים נאמען פון די וועטעראנען פון יאהר 1863, אבגעארדנעטער דר. לעווענשטיין אים נאמען פון די גאלדמאן-פעראיינע.

דערנאך איז ענטהילט געווארען די טאפעל מיט דער אויפשריפט „בערעק יאזעלאוויטש-גאס" אויף איינעם פון די עקהייזער און דאס גאנצע פעסטפובליקום איז מארשירט אין א פעסטצוג דורך די גאסען אלעמבעקאוו, שפיטאלנא, קאזימיערזאווסקא און קארלא לודוויקא ביז צום מיצקיעוויטש דענקמאל, דארט האבען געהאלטען רעדעס דר. יעקב דיאמאנט אים נאמען פון דעם יודישען קהלות-געמיינדע, און דר. טאביאס אשכנזי.

# א יודישער רייכסראטה־קאנדידאט.

אם 30 יוני ווערט שטאטפינדען א ערזאצוואהל פיר דען רייכסראטה אים 34-סטען גאליצישען וואהלבעצירק, וועלכער אומפאסט די שטעדטליך בוברקא, ראזדאל, זידאטשאוו, באלשאוויצע, בורשטין, רודא עטצ.

די ערזאצוואהל איז נויטהיג געווארען, ווייל דער פריהערינע אבגעארדנעטע, דאוויד ריטער פון אבראהאמאוויטש, געוועזענער פוילישער לאנדסמאן-מיניסטער, האט געמוזט רעזיגנירען פון זיין מיניסטערשטעל און ער האט איבערדעם אויך צוריקגעלעגט זיין מאנדאט.

דער וואהלבעצירק איז א יודישער, דאס הייסט על-פי-יושר בעדארף דא'ט געוועהלט ווערען א יודישער אבגעארדנעטער, ווייל די יודישע בעפעלקערונג אין די ארטשאפטען פון דעם וואהלבעצירק איז די שטארקסטע פון דער פוילישען און פון דער רוטהענישען.

אלס יודישער קאנדידאט טרעט אויף אויף דער לעמבערגער אדוואקאט דר. גרשון ציפפער.

מיר בעטאנען דא שפעציעל דאס ווארט אלס „יודישער" קאנדידאט, וויסענדיג אז די קאנדידאטור פון דר. ציפער איז אויפגעשטעלט געווארען פון דער ציאניסטישער פארטיי און עס גיבט ביי אונז יודען געוויסע קרייזע, וואס דאס ווארט „ציאניזמוס" שרעקט זיי איבער.

איבערדעם איז עס אין דעם פאל נויטהיג אויסדריקליך צו בעמערקען, אז יעדער יודישער וועהלער אין



בערעק יאזעלאוויטש-פייער אין לעמבערג: וויצעבירגערמייסטער דר. רוטאווסקי (X) האלט די פעסט-רעדע.

ריעזען וואהלבעצירק זאל נעדענקען, אז עס שטעהט פאר איהם אין ערשטער ליניע א יודישער קאנדדאט. א קאנדידאט וואס איז נישט בלויז א יוד דעם נאמען נאך, נאר א יוד, וואס ארבייטעט פון זיין יוגענד אן לטובה



דר. נרשון ציפפער.

פון זיינע ברידער און וועלכער בעזיצט אויך די פעהיג־קייט, דעם מוטה און די ענערניע, ווייטערע אינטערעסען אים רייכסראטה צו פערטרעטען.

א זאלכער יודישער קאנדידאט איז עבען דר. נרשון ציפפער. און וועלכער יוד עס ווינשט באמת די טובה פון זיינע ברידער, דארף איצט אוועקלעגען אלע פניות פרטיות, עס דארף אויפהערען די שאלה: „ציאניסט אדער נישט־ציאניסט". נאר אלע דארפען וועהלען איינ־שטימיג דעם איינציגען יודישען קאנדידאט, דר. נרשון ציפפער.

ווער ס'קען די פערהעלטניסע פון די יודען אין עסטערייך שפעציעל פון די נאליצישע יודען, ווייסט, ווי נויטהיג זיי ברויכען ענערנישע און מוטהיגע פערטרעטער אים רייכס־ראטה. מיר רעדען שוין נישט פון די פאליטישע פערהעלטניסע; דאס איז שוין אן אלטע קרענק, מיט וועלכער דער פ־אסטע יוד איז שוין נעוועהנט געווארען. פיעל ערגער זענען די עקאנאמישע פערהעלטניסע, דאס פ־הלט בעזונדערס דער קליינשטעדטילדיגער יוד אויף יעדען שריט און טריט...

און דיעזע פערהעלטניסע ווער־ען מיט יעדען טאג ערגער. באלד קומט נאך א ניי הוזיערע־נעזעץ, וואס וועט ווידער פיי טויזענדער יודישע משפחות צונעהמען די פרנסה; באלד קומען די נייע שטייערן אויף ביער און שנאפס וואס ווילען וויעדער טויזענדער יודען רואינירען... מעהר ווי תמיד זענען איצט נויטהיג אמת'ע, עהרליכע יודישע פערטרעטער אים רייכסראטה — און א זאלכער איז עבען דער איינציגע יודישע קאנדידאט דר. נרשון ציפפער, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונ־זער היינטיגען נומער.

א גלענצענדער רעדנער א שלאנפערטיגער רעכאַ־טער. א נענויער קענער פון די פאליטישע און עקאנא־מישע פערהעלטניסע, וועט דר. ציפער זיין אים רייכס־ראטה א וויכטיגער פערטרעטער פון די יודישע כלל־אינטערעסען, אויב די יודישע וועהלער פון דעם 34־טען וואהלבעצירק וועלען אם וואהלטאג ערפילען זייער פפליכט!

# ערדציטערניש אין פראנק־רייך.

ס'איז נאך נישט פערגעסען געווארען דאס שרעק־ליכע ערדציטערניש אין איטאליען פון פאר 6 חדשים, וועלכעס האט געפאדערט 200,000 מענשליכע קרבנות; ס'איז נאך פריש אין ערינערונג דאס ערדציטערניש אין פארטוגאל פאר דריי חדשים, וועלכעס האט צערשטערט עטליכע בליהענדע שטעדט און אנגעמאכט גרויסע חורבות — און וויעדער קומען שרעקליכע ידיעות איבער א גרויסער ערדציטערניש אין זיד־פראנקרייך, וועלכעס איז פאר־געקומען פאריגען פרייטאג און וואס זיינע מענשליכע קרבנות זענען עבענפאלס גרויס.

דאס ערדציטערניש האט זיך דאסמאל ערשט־עקט אויף א גאנץ גרויסען געגענד. גאנץ דרום־פראנקרייך און אויך א טהייל פון איטאליען האט דארונטער געליטען. די צאהל פון די קרבנות איז 300—2. דאך האט מען מורא, אז זייער צאהל איז נאך גרעסער, ווייל אין פיעל שטעדט קען מען נישט צוקומען צו די חורבות.

בעזונדערס שטארק געליטען האט די היסטארישע בעריהמטע שטאדט אוויניאן וועלכע איז פאסט אים גאנ־צען צערשטערט געווארען. אויך אין מארסייליע, אין ניצא און אין אנדערע האפען־שטעדט איז דער שאדען זעהר גרויס.

עטליכע שטעדט זענען אים גאנצען צערשטערט געווא־ען. אזוי די שטאדט בערנעקענס, פון וועלכער עס זענען נאר צו זעהען חורבות און הויפענס שטיינער.

ווי ביי יעדען ערדציטערניש האבען זיך אויך דא אבגעשפיעלט ערשיטערנדע סצענעס. מאנכע פערזאנען האט מען געמוזט אויסגראבען פון אונטער די חורבות. אין אוויניאן איז דערהרנ'עט געווארען א פרוי ביים געהען צו קינד. אין סטיקאנאט איז א 8־יעהריג יונגעל, אנטלויפענדיג פון דער היים, געטעדטעט געווארען אין מיטען גאס דורך די טרימער פון א איינשטירצענדען טהורם. א 70־יעהריגער מאן איז פאר שרעק נעווארען משוגע. פונ'ם שלאג און תיכף געבליעבען טוידט. אין ראגעס האט די רעטונגסמאנשאפט נעהערט פון אונטער א חורבה דאס וויינען פון א פרוי. מען האט תיכף געפרופט זי צו רעטען, אבער אין דער מינוט איז דער רעשט פון הויז איינגעשטירצט און האט זי בעגראבען אונטער זיך.

דער שאדען בעטרעגט שווערע מיליאנען. עס וועט נאך פאריבער א היבשע צייט, ביז די בעפעלקערונג וועט זיך בערוהיגען פונ'ם שרעק וועגען דער שרעקליכער קאטאסטראפע, פון וועלכער מיר ברענגען עטליכע אריגי־נעלע בילדער אין אונזער היינטיגען נומער.

# ר' בנימין פיין ז"ל.

א העכסט טראניש ידיעה קומט פון ארץ־ישראל:

ר' בנימין בן ר' יצחק פיין, איינער פון די „עשרה הראשונים", וואס זענען נעקומען קיין ארץ־ישראל נאך פאר 26 יאהר און נעגרינדעט די ערשטע און שענסטע קאלאניע „ראשון־לציון", איז אם 23 מאי נ' סיון, געפאַ־לען נעווארען אין זיין גרויסען אתרונים־גארטען מיט א דורכגעשאסענעם קאפ. נעבען אהם איז געלעגען א בריעף אין וועלכען ער בעט, מען זאל איהם נישט בעשולדיגען, אבער ער קען נישט מעהר לעבען, מען זאל נאר זארגען פאר זיינע 2 יתומים!...

טראניש און ערשיטערנד איז דיעזע ידיעה פאר אלע, וואס האבען דעם המנוח געקענט. זיין אידעאל איז געוועזען, צו פערברייטען יודישע אתרונים פון ארץ־ישראל צווישען אלע יודען. מען זאל נישט ברויכען אוועקצאה־לען דריי מיליאן פראנק יעהרליך צו די גריעכישע יודען־פיינד! ער האט געגרינדעט די געזעלשאפט „פרי־עץ־הדר", האט געפלאנצט א אתרונים־גארטען, האט געאַרבייט מיט אלע כחות פאר זיין אידעאל...

אבער אומזיסט! די קאר־פוער „ממזרים" זענען גע־בליעבען מיוחסים ביי אונזערע יודעליך. ר' בנימין פיין איז פון יאהר צו יאהר געווארען א גרעסערער בעל־חוב, ביז ער האט נישט מעהר געפונען קיין אנדערן וועג, ווי אנ'עק צו מאכען דעם ארבייטסרייכען לעבען, וועלכעס די וועלט, די יודישע וועלט האט נישט פערשטאנען צו שעצען און צו ווירדיגען!

טראניש איז זיין טוידט נישט בלויז פאר זיינע יתומים, נאר אויך פאר דעם גאנצען אידיאל... ער איז געפאלען ווי א העלד אויף דעם שלאכטפעלד. צווישען די אתרונים וואס זענען איהם אזוי ליעב און טהייער געוועזען.

יהי זכרו לברכה.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דער פערשטארבענעם, ווי אויך א בילד, פאר־שטעלענדיג איהם אין זיין אתרונים גארטען ביים פאקען פון די אתרונים.



ר' בנימין פין ז"ל: דער פערשטארבענער (X) אין זיין אתרוגים-גארטען ביים פאקען פון די אתרוגים.

# צעפּעלינ׳ס רייזען.

גראף צעפּעלין מיט זיינע לופטבאלאנס הערען נישט אויף צו בעשעפטיגען די עפענטליכע מיינונג. נישט בלויז אין דייטשלאנד. נאך אויך אין דער גאנצער וועלט.

און אין אמת׳ן איז צו בעוואונדער׳ן די ענערשיע פון דעם 70 יעהריגען מאן, וואס האט נישט צוריקגעשרעקט פאר אלע שוועריגקייטען, כדי צו ערייכען זיין אידעאל, צו שאפען א לענקבאר׳ען לופטבאלאן...

און דאס גאנצע איז איהם נישט אנגעקומען אזוי גרינג. יאהרענלאנג האט ער זיך בעמיהט און אבגעפלאגט וועגען דעם, פערשפאטעט און אויסגעלאכט אפילו פון זייער נאהענסטע פריינד און בעקאנטע... אבער דאס האט איהם נישט געארט. און רוהיג און שטיל ארבייט ער אין זיין באלאן, ביז ער קען די וועלט איבערראשען מיט דער ידיעה, אז ס׳איז איהם געלונגען צו לעזען דאס פראבלעם: צו בעהערשען די לופט!

אבער קוים מאכט ער דעם ערשטען גרויסען פליעה־פערזוך, טרעפט זיך א אונגליק און זיין באלאן ווערד פערברענט!

גאנץ דייטשלאנד טרויערט וועגען דעם גרויסען פערלוסט אבער דער אלטער מאן איז דער ערשטער, וואס טרעסטעט זיך און נעמט זיך פריש צו דער ארבייט.

אין א קורצער צייט, אונטערשטיצט פון׳ם גאנצען דייטשען פאלק, געלינגט עס איהם, זיין צערשטערט לעבענסווערק ווידער אויפצובויען און באלד קרייזט ער ארום גאנצע טעג אין דייטשלאנד, בעוואונדערט און אומיובעלט פון׳ם גאנצען פאלק.

פאריגע וואך האט צעפּעלין ערייכט דעם גרעסטען רעקארד. 36 שעה איז ער ארומגעפלויגען אין דער לופט, פיהרענדיג דעם באלאן אן אלע זייטען, ווי א גוט דרעסירט פערד... מען האט איהם אויך ערווארט אין בערלין און דער קייזער מיט דער קייזערליכער פאמיליע זענען ארויסגעפאהרען אויף דעם „טעמפעלהאפער פעלד״, וואו ער האט געזאלט אנקומען. א גרויסע פאלקסמענגע פון צענדליגנער טויזענדער מענשען האט איהם דארט ערווארט.

אבער צעפּעלין איז נישט געקומען. אויך דאסמאל האט פאסירט א אונגליק. אין דעם שטעדטיל געפּינגען איז צעפּעלין אראב מיט זיין באלאן, כדי איהם אנצופילען מיט פרישען גאז. דער באלאן האט זיך אבער פערטשעפעט אין בארענבוים און א גרויסער טהייל פון זיין אלומיניום־וואנד. בערך 30 מעטער גרוים, האט זיך אבגעריסען.

צעפּעלין האט אויך דאסמאל נישט פערלוירען דעם מוטה. מיט א זעלטענער געשיקליכקייט האט ער דעם באלאן רעפארירט און איז ווייטער געפאהרען.



צעפּעלין׳ס רייזען: דער ביי געפּינגען צערשטערטע באלאן.

אבער קיין בערלין איז ער נישט מעהר געקומען, נאר צוריקגעקעהרט צו זיך א היים.

דער לעצטער צופאל בעווייזט, ווי גוט און פעסטשטענדיג די קאנסטרוקציע פון׳ם באלאן איז שוין, אז יעדער אונפאל קען לייכט רעפארירט ווערען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א אריגינעלע אילוסטראציע, פארשטעלענדיג ווי דער „צעפּעלין״ ווערד צעריסען פון׳ם בארענבוים, און געגענווארט פון א גרויסער פאלקסמענגע, ביים לאנדען אין געפּינגען.

# דר. טהעאדאר בארטה.

אין בערלין איז פאריגע וואך געשטארבען דער בעריהמטע פובליציסט און פאליטיקער דר. טהעאדאר בארטה, 50 יאהר אלט.

דר. בארטה איז געוועזען דער גרינדער פון דער פרייזיניגען פעראיינינונג אים דייטשען רייכסטאג און א פיהרער פון דער פארטיי. ער האט אויך ארויסגעגעבען דאס בעקאנטע פרייהייטליכע דעמאקראטישע בלאט „די נאציאן״ און ער האט געהערט צו די טיכטיגסטע קעמפפער פאר פרייהייט אין דייטשלאנד.

דר. בארטה איז אויך געוועזען איינער פון די ערשטע און ענערגישסטע קעמפפער געגען דעם אנטיסעמיטיזמוס אין דייטשלאנד און א צייט לאנג איז ער געוועזען פרעזעס פון דעם „פעראיין צור אבוועהר פון אנטיסעמיטיזמוס״.

די יודען אין דייטשלאנד פערליערען אין דעם פערשטארבענעם, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איינעם פון איהרע בעסטע פריינד און זיי וועלען זיין נאמען געדענקען מיט דאנקבארקייט.

# א מוזיקאליש וואונדער־קינד.

אין דעם טהעאטער „סאן געארגיע״ אין קאטאניא (איטאליען) טרעט איצט אויף א מוזיקאליש וואונדער־קינד; קוים 4 יאהר איז דאס יונגעל אלט. די גרעסטע פאכמענער בעוואונדערן זיין גייגענשפיעל און זאגען איהם צו א גרויסע צוקונפט. ווירגיליא פואלא הייסט ער און בעהערשט די גייגע מיט אזעלכע ווירטואזיטעט, וועלכע איז פאסט אונגלויבליך.

ווירגיליא פואלא, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער, טרעט אויך אויף דער בינע אהן א שום פחד און איבערראשט אויך אלע צוהערער דורך זיינע פרייע בעוועגונגען.

# א יוגענד־בילד פון שפינוזה.

פון דעם בעריהמטען יודישען פילאזאף ברוך שפינוזה האבען ביז איצט עקזיסטירט בלויז 4 בילדער, וועלכע האבען איהם פארגעשטעלט אין די עלטערע יאהרען.

איצט איז ענטדעקט געווארען נאך א בילד פון דעם גרויסען דענקער, און צוואר געפינט עס ביים געגעראל קאנזול פראנץ פילופואהן אין בריסעל; דאס בילד



דר טהעאדאר בארטה, דער בעריהמטער דייטשער פאליטיקער, געשטארבען.



א מוזיקאליש וואונדערקינד: דער פיערי עהריגע גייגענקינסטלער פואלא.





די פולווער עקספלאזיע ביי קראקא.

דער פולווערמאגאזין נאך דער עקספלאזיע.

פונ'ם פולווערמאגאזין שטייגען אויף פייערדינע זיילען און שראפנעלס פליהען ארום אין דער לופט

שטעלט פאר שפינוזה אין זיינע יונגענד־יאהרען און טראגט אויף העברעאיש און יודיש די אונטערשריפט „ברוך שפינוזה", ווי אויך דאס יאהר 1660. עס איז געמאלט אויף א האלצפלאטע מיט עהל און זעהר גוט ערהאלטען. פון דעם בילד קען מען זעהען, אז שפינוזה, וועלכער איז אויף דער עלטער געוועזען מאגער און אבגעצעהרט, ער האט אין זיין יוגענד אויסגעזעהען געזונד און פריש און די שפינוזה־פארשער וועלען דאפון האבען פריש מאטעריאל פאר זייערע חקירות.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א פאטאגראפישע אויפנאהמע פון דעם ניי־ענטדעקטען יוגענד־בילד פון שפינוזה.

## קלאנגען וועגען א קריעג?

זייטדעם די יונגטירקען האבען אין קאנסטאנטינאפעל איבערגעקעהרט דאס טעפעל סמעטענע און אראבגעווארפען די אלטטירקען פון זייער ממשלה זענען אויפגעראלט געווארען די אלע באלקאן־פראגען און מען קען מיט זיי נישט קומען צו א לאד. א צייט לאנג האט די בולגארישע פראגע און די באסנישע פראגע אויפגערעגט די גאנצע וועלט און די געפאהר פון א קריעג איז געשטאנען פאר דער טהיר.

קוים איז דאס ערלעדיגט געווארען, הייבט זיך ווידער אן די קרעטא פראגע, מיט איהר גאנצע פערוויקעלטקייט און שוועריגקייט.

קרעטא איז א אינזעל וואס איז בעוואהנט דאס רוב פון גריעכען, עס געהערט אבער נאך צו דער טירקיי, האטש גריעכענלאנד האט זיך פאר באלד הונדערט יאהר בעפרייט פון דער טירקישער הערשאפט.

די קרעטענזער בענקען שטארק צו זייערע ברידער און וועהרענד דיעזע צייט האבען זיי עטליכע מאל געפרופט, דורך א רעוואלוציע זיך בעפרייען פון דער טירקישער הערשאפט. די טירקיי האט אבער תמיד דיעזע רעוואלוציעס אונטערדריקט און די קרעטענזער זענען ווייטער געבליעבען „אונטערטהאנען" פונ'ם סולטאן.

נעגען ענדע פון פאריגען יאהרהונדערט האט גריעכענלאנד יעפרופט צוצונעהמען די אינזעל מיט געוואלט. פריינ'ן געארג פון גריעכענלאנד איז פלוצים אריבערגעפאהרען מיט עטליכע שיפען מיליטער און האט בעזעצט די הויפטשטאדט קאנעא און די אנדערע וויכטיגע האפען־שטעדט פון קרעטא.

די טירקיי אבער האט זיך נישט געלאזט און ס'געקומען צום גריעכיש־טירקישען קריעג. ביי וועלכען דאס קליינע גריעכענלאנד האט בעקומען געבראטענע קלעפ און ווען נישט די מעכטע, וואלטען די טירקען געווען איינגעריקט ביז אין דער גריעכישער הויפטשטאדט אריין.

די מעכטע האבען זיך איינגעמישט אין שלום אריין און ס'איז געבליעבען, אז די אינזעל בלייבט ווייטער




א יונגענד־בילד פון ברוך שפינוזה.

לפנים אונטער טירקישער סאווערעניטעט, אבער פערוואלטעט זאל זי ווערען פון א קריסטליכען קאמיסאר, וועלכען דער סולטאן זאל ערנענען.

כדי אבער די גריעכישע און טירקישע בעפעלקערונג פון דער אינזעל זאלען זיך נישט ארומקריגען, האבען די אייראפעאישע גרויסמעכטע ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן און איטאליען, דארטהין געשיקט צו יע 600 מאן זאלדאטען, וועלכע האבען בעזעצט אלע וויכטיגע שטעדט, אין אכטונג געבען עס זאל זיין ארדנונג.

אלס ערשטער קאמיסאר איז ערנאנט געווארען דאמאלט דער גריעכישער פרינץ געארג. ער האט די שטעלע אנגענומען, רעכענענדיג, אז מיט דער צייט וועט עס איהם שוין געלונגען, צו פאראייניגען די אינזעל מיט זיין פאטערלאנד.

די האפנונג אבער האט זיך ארויסגעוויזען אלס פאלש. די מעכטע האבען בשום אופן נישט געוואלט דערלאזען דאצו. די קרעטא־פראגע זאל ווידער אויפלעבען, און נאך עטליכע יאהר, וועהענדיג זיין אומזיסטיגע מיה, האט פרינץ געארג רעזיגנירט פון זיין שטעלע און אויף זיין ארט איז ערנאנט געווארען דער גריעכישער פאליטיקער צאימיס.

דערווייל האבען עסטרייך־אונגארן און דייטשלאנד שוין פאר עטליכע יאהר צוריקגעצויגען זייער מיליטער פון דער אינזעל. און אין דיעזען יאהר ווילען אויך די אנדערע מעכטע דאסזעלבע טהון.

נאך די איבערקעהרענישען אין דער טירקיי האבען די גריעכען אנגעהויבען פערלאנגען, אז איצט זאל אויך די קרעטא־פראגע געלעזט ווערען אויף תמיד; אבער די יונגטירקען האבען תיכף מודיע געווען, אז דאצו וועלען זיי קיינמאל נישט דערלאזען, אפילו ווען ס'זאל קומען





די פולווער־עקספלאזיע ביי קראקא: צערשטערטע הייזער דורך דער עקספלאזי

װעגען דעם צו א קריעג, און די גריעכען האבען אבגעהאקט פון עסק.

אצינד אבער, װען די לעצטע אייראפעאישע זאלדאטען בעדארפען פערלאזען קרעטא, הייבט זיך אן דער יריד אויפ'ס ניי. די גריעכען קומען װייטער מיט זייערע טענות און די טירקען ענטפערן דארויף מיט די ענערגישעסטע הכנות צום קריעג.

ביי דער גרעניץ געגען גריעכענלאנד איז פערזאמעלט א גרויסע צאהל מיליטער. אויך די גאנצע טירקישע קריעגספלאטע איז ארויסגעפאהרען אין עגעאישען ים אריין, כדי צו זיין אנגעגרייט תיכף צום קריעג. די טירקיי שטעלט איצט אויף אזאלכע פארדערונגען, װאס גריעכענלאנד קען זיי בשום אופן נישט אנגעהמען און מען רעכענט מיט זיכערהייט, אז קוים װעט דער לעצטער אייראפעאישער זאלדאט ארויס פון קרעטא, װעט עס דארט קומען צו א רעװאלוציע און די פאלגע דאפון װעט זיין א קריעג צװישען גריעכענלאנד און דער טירקיי.

װי װייט די טירקיי איז ענטשלאסען צום קריעג, איז צו זעהען דאפון, װאס מען האט שוין אפילו ערנאנט א אבערקאמאנדאנט פון דעם קינפטיגער קריעג. עס איז דאס גענעראל מוקטהאר פאשא, דער זוהן פון מוקטהאר גהאזי, דעם אבערקאמאנדאנט פון דער אזיאטישען ארמעע ביים לעצטען רוסיש־טירקישען קריעג. מוקטהאר פאשא, װאס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער, איז איצט פלאץ־קאמאנדאנט פון קאנסטאנטינאפעל און גילט אלס איינער פון די טיכטיגסטע טירקישע גענעראלע.

אויב די מעכטע װועלען זיך נישט װידער אריינמישען און אבהאלטען די גריעכען פון א נישט־איבערגעלעגטען שריט, קען די באלקאן־קריזע שליעסליך דאך פיהרען צו א קריעג, װעלכען מען האט ביז איצט מיט אלע כחות אויפגעהאלטען.



קריעגסלופטשיפע: דער רוסישע (רעכטס) און דער ענגלישע (לינקס) קריעגסלופטבאלאן.

# פירסט איילענבורג.

ס'איז נאך יעדען בעקאנט דער גרויסער רעש, װאס איז אנגעמאכט געװארען אין דייטשלאנד דורך דעם הארדען־פראצעס, אין װעלכען ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז פירסט פיליפ איילענבורג, איינער פון די איינפלוסרייכסטע פערזענליכקייטען אין דייטשלאנד און נאהענסטער פערטרויענסמאן פון קאיזער װילהעלם, האט געטריבען אונזיטליכע מעשים...

נישט קוקענדיג אויף זיין הויכען ראנג האט מען דעם פירסט פערהאפטעט און איהם געמאכט דעם פראצעס. דער אלטער פירסט איז אבער געװעזען אזוי קראנק — אדער ער האט זיך געמאכט — אז עס איז נישט געװעזען מעגליך דעם פראצעס צו בעענדיגען און מען האט די זאך פערשאבען. דעם פירסט האט מען געװעזט אויף פרייען פוס געגען א קויציע פון 100,000 מארק.

ס'האט אויסגעזעהען, אז די גאנצע זאך װעט פערלויפען אים זאמד. און אז דאס געריכט װעט צודריקען אן אויג, כדי צו פערמיידען דעם שקאנדאל.

פערגלוסט זיך אבער דעם פירסט, צו פערלאנגען פונ'ם געריכט א בעװילינגונג, ער זאל מעגען ארויספאהרען קיין באד־גאסטיין, זיך צו קורירען.

דאס געריכט האט איהם דאס בעװילינט און פירסט איילענבורג איז טאקי ארויסגעפאהרען, האט אבער די פרעסע אנגעמאכט א רעש, אז װען דער פירסט קען ארויספאהרען קיין אויסלאנד (באד־גאסטיין ליעגט אין עסטערייך), קען ער בוודאי קומען אין געריכט אריין צו דער פערהאנדלונג...

דער פראקוראטאר האט געמוזט נאכגעבען דער עפענטליכען מיינונג און אויפגעפאדערט דעם פירסט, ער זאל צוריקקומען און זיך שטעלען צום געריכט. פירסט איילענבורג איז טאקי תיכף צוריקגעקומען און ס'איז מעגליך, אז איצט װעט זיך דער פראצעס אנהייבען אויפ'ס ניי.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם קראנקען פירסט, געפיהרט אויף א װעגעלע אין באד־גאסטיין.



א גרויסע װאלד־שרפה: דער װאלד בראנד ביי לויכהאמער, ביי װעלכען ס'זענען פערברענט געװארען 1500 מארג װאלד.

# א גרויסע װאלד־שרפה.

אין לויכהאממער (דייטשלאנד) איז פאר צװיי װאכען אין די ראטיינע גרויסע װאלדונגען אויסגעבראכען א שרעקליכע ש־פה, װעלכע האט געדויערט 10 טעג.

אלע בעמיהונגען דאס פייער צו פערלעשען, זענען געװעזען אימויסט, די ביימער זענען זעהר געריכט געבען אייגאנדער און דורך דער גרויסער היץ, װאס האט געהערשט אין די לעצטע טעג, שטארק טרוקען געװען.



די גרעסטע דיאמאנטען: די קוליגיאן־דיאמאנטען (רעכטס און לינקס) װעלכע מען האט איצט אייגעזעצט אין די קרוינען פון דעם ענגלישען קעניג און פון דער קעניגין.



א קלויסטער איבערגעפאלען: דאס רייכע קלויסטער ביי לונאנסק ווערד פון באנדיטען איבערגעפאלען

1500 מארג וואלד זענען פערברענט געווארען און ערשט נאכדעם ווי מען האט מיט שווערער מיהע אויסגעהאקט א גרויס שטיק וואלד און אויסגעגראבען א גרויב צווישען דעם ברענענדיגען טהייל און דעם איבריגען וואלד, איז דאס פייער איינגעשטעלט געווארען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד, פארשטעלענדיג דעם גרויסען וואלד־בראנד, לויט א אריגינעלער פאטאגראפיע.

# א קלויסטער איבערגע־ פאלען.

אין לונאנסק (יעקאטערינאסלאווער גובערניע, רוס־לאנד) עקסיסטירט איין אלט, גרויס קלויסטער. אין וועל־כען עס וואהנען א גרויסע צאהל מאנאכען אבגעשלאסען פון דער וועלט. דאס קלויסטער ליעגט הויך פון דער שטאדט אויף א בארג און עס געפינען זיך דארט זעהר פיעל טהייערע כלים פון גאלד, זילבער און דיאמאנטען.

א באנדע רויבער, וועלכע איז געוועזען בעקאנט, וואס פאר אוצרות ס'זענען אין דעם קלויסטער פאראהאנען, האט ארגאנדזירט א איבערפאל אויף דעם קלויסטער, כדי עס אויסצורויבען.

דער איבערפאל איז געשעהען אין מיטען דער נאכט. אבער די מענכע זענען דורך דעם פפערטנער אלארמירט געווארען און האבען זיך אקעגענגעזעצט מיט זייערע רעוואלווערים.

ס'איז געקומען צו א בלוטיגען קאמפף, פון וועל־כען מיר ברענגען א אריגינעל בילד אין אונזער היינטיגען נומער.

דער סוף איז געוועזען, אז די רויבער האבען זיך געמוזט צוריקציעהען, נאכדעם ווי עטליכע פון זיי זענען געפאלען. אויך פון די מענכע זענען עטליכע געפאלען, דארונטער דער פריאר, דער פארשטעהער פונ'ם קלויסטער.

# קריעגס־לופטבאלאנס.

די גרויסע ערפאלגע, וועלכע די דייטשע קריעגס־לופטשיפע האבען ערדייכט אין די לעצטע טעג, האבען געצוואונגען די אנדערע רעגירונגען, זיך עבענפאלס צו פערזארגען מיט אזאלכע לופטשיפע, כדי אים קריעגס־פאל זיך צו קענען ווערען קענען דיעזען מאדערנען „שונא".

בעזונדערס שטארק ארבייט מען אין דער בע־ציעהונג אין רוסלאנד און אין ענגלאנד. פראנקרייך האט שוין לאנג זיינע קריעגסלופטשיפע, וועלכע זענען צוואר נישט אזוי פאלקומען ווי די דייטשע, אבער אים נויטה־פאל קענען זיי שוין ברענגען גענוג נוצען.

אין ענגלאנד זענען עטליכע פערזוכע, צו בויען לענקבארע לופטשיפע, נישט געלונגען, ערשט אין די לעצטע טעג האבען די ענגלענדער דערלעבט די שמחה, צו זעהען זייער ערשטען לענקבארען לופטשיף אויפ־שטייגען אין די לופט. דאס איז געשעהען אים ענגלישען קריעגסלאגער אין אלדערשאט. דער באלאן איז לאנג 100 פוס און ווערד געטריעבען פון 12־פפערדיגע מא־שינע. די גאנדעל איז זעהר שמאל און קען קוים אויפ־נעהמען 2 מענשען. דער באלאן זעהט אויס ווי א וואל־פיש און די ענגלענדער רופען איהם אויך „דאס לופט־פיש".

איצט קענען די ענגלענדער שוין בערוהיגט זיין... זיי האבען שוין זייער איינען לופטשיף און ברויכען נישט מעהר מקנא צו זיין די דייטשען.

אויך רוסלאנד וויל נישט צוריקבלייבען. די רוסישע מיליטערפערוואלטונג האט בעשטעלט אין פראנקרייך ביי די לעבודי־ווערקשטעטען א לענקבאר לופטשיף. עס האט א לענג פון 52 מעטער, א קוביקאינהאלט פון 3700 קוביקמעטער און ווערד בעטריעבען פון א 80־פפערדיגען פאנהאר־לעוואסאר־מאטאר. ביי גוטען וועטער וועט דער באלאן קענען האבען א שנעליגקייט פון 60 קילאמעטער אין דער שעה.

דאס ערשטע פראבע־פאהרען איז געשעהען פאר עטליכע טעג מיט גינסטיגען ערפאלג.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער פאטא־גראפישע בילדער פון דיעזע ביידע קריעגס לופט־שיפען.

# די פולווער־עקספלאזיע ביי קראקא.

די אונטערזוכונגען וועגען דער פולווער־עקספלאזיע ביי קראקא, איבער וועלכער מיר האבען פאריגע וואך געמעלדעט, זענען נאך נישט אבגעשלאסען. אבער ווי וויים עס הערט זיך, איז דער בליצאבלייטער געוועזען אין ארדנונג און ס'איז איבעדעם א גרויס חידוש, ווי אזוי דאס אונגליק האט געקענט געשעהען.

דער שאדען וועלכען די עקספלאזיע האט געמאכט איז זעהר גרויס. עס הייסט, אז די רעגירונג וועט די בעשעדיגטע דעם שאדען ערזעצען.

די עקספלאזיע האט ארויסגערופען ביי דער בע־פעלקערונג פון קראקא און פארגאזע א גרויסען שרעק, און מען פערלאנגט איצט ענערגיש, אז די פולווער־מא־גאזינע זאלען אוועקגעריסט ווערען ווייט פון די שטערט.

וועגען טעכנישע סבות זענען אונזערע אילוסטרא־ציעס פון דער עקספלאזיע נישט אריינגעקומען אין פאריגער נומער און מיר ברענגען זיי אין אונזער היינטיגער בלאט.



מענשען־לייכען אין האטעל: ביי דער דעמאלירונג פון אנ'אלם הויז טרעפט מען צוויי לייכען אונטער דער פארלאגע.



קלאגען וועגען א קריעג: גענעראל מוקטאר פאשא וואס איז בעשטימט צום אבערקאמענדאנט אים קריעג מיט גריעכענלאנד.

# א פרוי אלס אפריקא־רייזענדע.

די עמאנציפאציאן פון די פרויען מאכט אין אלע לענדער וואס א מאל גרעסערע פארטשריטע. פיסלעכווייז ווערען די פרויען גלייכגעשטעלט מיט די מענער. מען לאזט זיי צו די וויכטיגסטע שטעלען און באלד וועלען זיי ערהאלטען אויך פאליטישע רעכטע און וועלען העלפען מאכען געזעצע און פערוואלטען די עפענטליכע אנגעלעגענהייטען.

די פרויען פון זייער זייט זענען זיך אויך משתדל, צו בעווייזען, אז זיי זענען נישט מעהר דאס „שוואכע געשלעכט", ווי מען פלעגט זיי פריהער רופען; אדרבה, זיי זענען ככח אויסצופיהרען אלע וויכטיגע ענינים און ווילען ארבייטען גלייך מיט די מענער אין דער עפענטליכקייט.

מיר געפונען שוין היינט פרויען אלס ערצטינען, אדוואקאטינען, ריכטערינען. אין אמעריקא גיבט עס שוין אויך א גובערנאטארין, אין דענעמארק א ריכטערין און אין ענגלאנד א קערקערמייסטערין...



א באלעטטענצערין אלס אדוואקאטין: די געוועזענע באלעטטענצערין רוטקאווסקא, וועלכע האט איצט געענדיגט די יוריסטישע שטודיען.

[illegible]

אבערסט קאכרא, האט איצט געוויזען אז די פרויען זענען אויך פעהיג צו די גרעסטע אנשטרענגונגען, ווען דאס איז נויטהיג פאר דער וויסענשאפט אדער פאר דעם טובת־הכלל.

די טאפפערע פרוי האט דורכגעקוועט גאנץ אפריקא אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך אויסגעצייכענט די גרעסטע געפאהרען און ערלעדיגט די גרעסטע שטראפאצען.

אבער איהר מיה איז דאך בעלוינט געווארען דורך די צאהלרייכע וויכטיגע פארשונגען און ענטדעקונגען, וועלכע זי האט אויף דער רייזע געמאכט, דאס וויסענשאפטליכע מאטעריאל, וועלכעס זי האט געזאמעלט, האט א גרויסען ווערטה.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג די קיהנע פרוי, אויף איהר רייזע.

# א באלעטטענצערין אלס אדוואקאטין.

א העכסט מערקווירדיגע נאכריכט קומט פון דער שווייץ.

די פריהער בעריהמטע און פיעל געפייערטע באלעטטענצערין פונ'ם פעטערסבורגער קייזערליכען טהעאטער, מאריא רוטקאווסקא, איז אויסגעטרעטען פונ'ם טהעאטער און האט זיך געווידמעט יוריסטישע שטודיען.

איצט האט זי איהרע שטודיען געענדיגט און בעקומען דאס דיפלאם אלס אדוואקאטין. זי וועט זיך אין איינע פון די גרעסטע שווייצערישע שטעדט בעזעצען.

די געוועזענע באלעטטענצערין, וואס איהר בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער, איז א בעריהמטע שענהייט און האט אין איהר פאך געהאט די גלענצענדסטע אויסזיכטען. פאר דאס איז נאך מעהר צו בעוואונדערן איהר ענטשלוס, אויסצוטרעטען פון דער ביהנע און איהר ענערגיע, אבצולערנען אלע יוריסטישע פריפונגען.

# בריעפטרעגער מיט הונד.

אין די גרויסע שטעדט איז אין דער לעצטער צייט אפט פארגעקומען פעלע, אז די בריעפטרעגער, וואס טראגען אפ געלד און ווערטהזענדונגען, זענען פערנארט געווארען אין ענגע, קליינע הייזליך אריין, וואו מען איז זיי איבערגעפאלען און בערויבט.

דאס איז געשעהען אויף דעם אופן, אז די גוינער פלעגען אדרעסירען קליינע בעטרעגע צו איינעם פון דער חברה, און ווען דער בריעפטרעגער איז דארטהין געקומען, אבגעבען דאס געלד, פלעגט איהם אויסלויערען די קעשענעס און פערפאלען.

כדי זיך קענען דעם אבצוהיטען, האבען די פאסט־פערוואלטונגען איינגעפיהרט א נייעם אז יעדער געלד־טרעגער זאל תמיד געהען אין בעגלייטונג פון א גרויסען הונד, וואס זאל איהם שיצען קענען אזעלכע פלעצליכע איבערפעלע.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג א בריעפטרעגער אין בעגלייטונג פון זיין טרייען וועכטער, דעם הונד.

# די גרעסטע דיאמאנטען.

מיט צוויי יאהר צוריק איז אין טראנסוואאל געפונען געווארען דער גרעסטע דיאמאנט פון דער וועלט, דער „קולינאן־דיאמאנד". דער לאנדטאג פון טראנסוואאל האט דעם דיאמאנט געשענקט דעם קעניג עדוארד פון ענגלאנד, אלס א צייכען פון אנערקענונג פאר דעם בעווילינגען דעם לאנד א ברייטע אויטאנאמיע.



בריעפטרעגער מיט הונד: די געלדטרעגער געהען אין בעגלייטונג פון גרויסע הונד, כדי זיי צו שיצען געגען רייבערישע איבערפעלע

דעם דיאמאנט האט מען געבראכט קיין אמסטערדאם, וואו ער איז איין דיאמאנדשלייפעריי פון דער יודישער פירמא אַשער אין צוויי טהייל געטהיילט און צושליפען געווארען.

די ארבייט האט פערנומען 14 חדשים צייט און איצט האט מען די צוויי דיאמאנטען געבראכט קיין לאנדאן, וואו מען האט זיי איינגעזעצט אין די קרוינען פון דעם קעניג און פון דער קעניגין.

אויך איצט, נאך דער צערטהיילונג און שלייפונג, זענען זיי יעדער פאר זיך, די גרעסטע אין דער וועלט. דער גרעסערער האט א געוויכט פון 516 קאראט, דער קלענערער 309 קאראט. דער ביז איצטיגע גרעסטע דיאמאנט, דער מארקיז־בריליאנט האט בלויז א געוויכט פון 92 קאראט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פאטאגראפישע אבבילדונגען פון דיעזע צוויי גרעסטע דיאמאנטען, אין דער מיטען צווישען זיי געפונען זיך די פאטאגראפישע בילדער פון די איבריגע בעקאנטע גרויסע דיאמאנטען אין דער וועלט.



א פיערפאכע מערדערין: די פערהאפטעטע אלטנה קובאווסקי וועלכע איז פערדעכטיג, אז זי האט געטעדטעט 4 מענשען.

# מאניא ווילענסקא.



זיט יונג וואך נאסטראלירט פרוי מאניא ווילענסקא פון נויארק אין נימפעל'ס יודישען טעאטער אין לעמבערג.

פרוי ווילענסקא איז איינע פון די בעסטע יודישע שוישפילערינס. וואס האט מיטגעהאלפען, איינפיהרען דאס מאדערנע דראמא אויף דער יודישער ביהנע. כמעט אין אלע נארדין'שע דראמען האט זי געשפיעלט ערשטקלאסינע ראלען אין די שט־ענגסטע טעאטער־קריטיג האט תמיד געהאט א פול מויל מיט לויב פאר איהר קינסטלערישע דא־שטעלינגס־טאלענט. פרוי ווילענסקא איז געבארען אין ווארשוי און האט אנגעהויבען איהר קינסטלערישע לויפבאה אין לעמבערגער יודישען טעאטער, פון וואנען מען האט זי צוריק מיט 17 יאהר אוועק־גענומען קיין אמעריקא.

צוזאמען מיט פרוי ווילענסקא, וואס איהר בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז אויך געקומען איהר מאן, ה' בערנארד ווילענסקי, א כאן פון בעריהמטענדען רוף אלס טעאטער־רעזיסער און אלס פערפאסער פון לייכטע קאמעדיען, אין וועלכע זיין פרוי שפיעלט געוועהנליך די הויפט־ראלען. נעכסטע וואך וועט פרוי ווילענסקא אויפ־טרעטען אין נארדין'ס „קרייצערסאנאטע" — אין דאס לעמבערגער פובליקום וועט האבען די געלעגענהייט, קענען צו לערנען איינע פון נארדין'ס מייסטער־שעפפונגען און גלייכצייטיג צו שעפען תענוג פון פרוי ווילענסקא'ס קינסטלערישער דארשטעלונג.

**Jüd. Gimnasium des Dr. Jung**
**Storozynetz** Bukowin a

דער ק. ק. לאנדעסשולאינספעקטאר דר. אלפרעד פאוליטשעק אינספיצירטע אם 7. 8. אונד 9 יוני דאס יודישע גימנאזיום אין סטאראזינעץ אונד שפראך זיינע העכסטע אנערקעננונג איבער דיא אויסגעצייכנעטען לייטונג דער שולער אוים. ער בעמערקטע, שוין אים פא־רינען יאהרע מיט דען רעזולטאטען זעהר צופריעדען גע־וועזען צו זיין. דאך איבערשטייגע דאס ערגעבנים דער היא־יעהריגען אינספעקציאן נאנץ זיינע ערווארטונגען. ער נאננטע דיא אנשטאלט אין „קולטורווערק ערשטען ראנגעס" אונד פערשפראך, דיעזעלבע אויף דאס ווייטגעהענדסטע צו אונטערשטיטצען.

## Repertuar Teatru Ludowego w Krakowie:

We środę: „Ona i jej mąż".

We c wartek: „Marsz, marsz Dąbrowski" Zenona Parviego i „W bratnie szeregi" M. Bogusławskiej.

W Piątek: „Marsz, marsz Dąbrowski" i „W bratnie szeregi".

W sobotę: „Raz się tylko żyje" (benefis p. Turskiego).

גרשם באדער'ס

## „יודישער פאלקסקאלענדער"

(לוח לשנת תר"ע).

נעפינט זיך שוין אין דרוק און וועט נאר אין ניכען ער־שיינען, פון זיין אינהאלט איז צו ערוועהנען:

א) פלוני אלמוני: פון דער פערגאנגענהייט אויף דער צוקונפט (איבער ציוניזמוס און פראלעטאריאט). — ב) נ. כ.: ר' בעריש מייזעלס (ביאגראפיע). — ג) ישעיה שטייגמאן: פלוצים דער־שראקען (ערצעהלונג).—ד) יהואש: שכל אהן גאט (געדיכט).— ה) ג. ב.: די יעזואיטען אין לעמבערג (היסטארישע שטודיע).— ו) יעקב גארדין: דאס טעאטער. — ז) גרשם באדער: מענשען און לעבען (זעקס בילדער). — ח) פ. ם. ראסקין: מיין גע־בורטס־ארט (געדיכט). — ט) אנזעלם קלייזמאן: ברונז געווא־רען (נאוועלעט). — י) ש. י. אימבער: אין שאטען פון מיין צימער (געדיכטע) — יא) ג. כ.: דער ציוניסטישער פראפעט־מאכער (סילועטע). — יב) צבי שפיצער: ווילהעלם פעלדמאן (ליטעראַרישע קריטיק). — יג) ישראל וויינלער: די יק"א אין גאליציען.—יד) ג. ב.: שארלאטאנישע קרעטיניזמען (קריטיקען).

דער קאלענדער וועט זיין 300 זייטען שטארק און וועט קאסטען

1 קראנע אהן פארטא.

ווער עס שיקט שוין אצינד איין דאס אבאנעמענט ערהאלט אלס פרעמיע די ביז אצינד ערשיענענע צוויי העפטען „שטראהלען" (א ליטעראַרישע זאמלונג מיט א רייכען אינהאלט), וועלכע קאסטען זאמט 60 העלער — בחנם און פארטאפריי.

אדרעסע:

Guslav Bader, Lemberg, Sonnengasse 27.

## זיכערע הילף געפינט יעדער

אין האפראט פראפעסאר דאקטאר מ. גרובער'ס בעריהמ־טען ביכעל

### „דאס געשלעכטסלעבען"

איינפאך יודיש בעארבייט

סיענטהאלט: דאס היילען פון אלערליי מענערקראנקהייטען פון אונאני (א געהיימע ליידענשאפט ביי יונגע מענשען, פאר א בחור זעהר וויכטיגע עצות. אויס געצייכנעטע מיטעל פאר יונגע לייט

פראנקא פאר 1,10 קראנע (50 קאפ.) אין פאראויס.

ביי: H. Fränkel in Gwoździec, (Galizien)

## עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללזוכט, קרעמ־פפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער, ערהעל־טליך גראטיס א. פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**

## 10.000

## הויזהאל־טונגעז

בענוטצען בערייטס די פאטענט בוטטער „מאר־נאפאל".

דיעזע בוטטער איזט דער נאטורבוטטער צו יעדער בעציהונג גלייך יעדאך בעדייטענד ביל־לינער. קיינע הויזפרוי פערזיימע איינען פער־זוך דאמיט צו מאכען. ווא פאטענט בוטטער נישט פארהאנדען איזט ווענדע מאן זיך די־רעקט אן דער

I. Oesterr.

**Pat. Butterfabrik „MONOPOL"**

Krakau, Jasna 8.

פרייז פער ½ קילא קרא. 1,20.




## HOTEL-RESTAURANT

## Rosenthal

**Lemberg,**

**Rzeźnicka.**

Telefon Nr. 1314.

Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.

**N. Katzner, Spedition u. Kommission**

Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow

Feste Durchfrachten von und nach Russland.

Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen

**Steinkohlen, Antracit und Koks.**

Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.

יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ!

## גימנזיום עברי

**Jüd. Pr.-Gymnazyum des Dr. Jung,**
**Storozynetz** (Bukowina)

גרינדליך אונד ערפאלגרייכער אונטערריכט אין אללען לעהר־געגענשטענדען דעם גימנאזיומס אונד דער יודישען ליטעראַטור! תנ"ך, רש"י, גמרא, שלחן ערוך וכתב ולשון עברי; אינדיווידו־עללע, שטוענגרעליגיעזע ערציעהונג! גלענצענדע רעזולטאטע: לייטער דער העברעאישען פעכער: ההיג מו"ה משה דוד גראס לפנים רב בק"ק לוצערן (שווייץ) מח"ס דע מה שתשיב.

אין דען מאנאטען יוני, יולי, אויגוסט פארבערייטונגס־קלאססע דארטזעלבסט!

אויסקונפט ערטיילט: **Die Leitung**

**Menachem Pidhoretz**

Hochzeitssänger (בדחן)

GRODEK JAGIELLONSKI

עמפפיהלט זיך אויף אללער ארט תהונות אונד גאראנטירט פיר בעסטע צופריעדענהייט.

האנאראר (שכירות) מעסיג.

אויף יעדער אנפראגע ווירד גלייך בעאנטווארטעט.

מתקבלת החתימה לרבע השני מיום 1 אפריל על
העתון העברי החדש

# „הבקר"

היוצא בוורשא מיום 1 יאנואר שנה זו | היוצא בוורשא מיום 1 יאנואר שנה זו

עריכת **דוד פרישמאן** ובהשתתפות **בחירי הסופרים העברים.**

מערכת „הבקר" נגשה לעבודה, עבודת יצירת עתון עברי ספרותי־אינפורמציוני במיטב משמעותן של המלים האלה, — בשעת הירום והרס בלי שים לב לקריאות־היאוש מעברים שונים, כי אין עתה מקום עוד לעתון עברי הגון.

עורך „הבקר" ועוזריו היו בטוחים, כי קהל הקוראים עברית עוד מחכה לעתון עברי חשוב שיעמוד על מרום־תעודתו, ואז ימצא לו את קוראיו ומעריציו.

ולכן לא הרבה „הבקר" בריקלמות למפרע. מערכת „הבקר" אמרה לעזור למצוא את קוראיה לא על ידי הריקלמות הצעקניות, כי אם על ידי גליונות העתון עצמם, לעשות כל גליון של „הבקר" לריקלמה בפני עצמו.

„הבקר", כתור עתון נתן במשך כל הזמן שהוא יוצא מאמרים ראשים, שהם מדברים על כל שאלה העומדת על הפרק.

## „הבקר" הקציע מקום מיוחד לחיים הכלכליים של ישראל.

כתור עתון, שאינו משועבד לשום מפלגה וחפשי מכל השפעה צדדית והשקפות של מפלגות, נותן „הבקר" מקום לדברי בעלי מפלגות השונות ודן על כל שאלה בלי נטיה מיוחדת ובלי צרות־ההשקפה.

„הבקר" העמיד לו קוריספונדנטים בכל הערים הגדולות שבאירופה והם אנשים סופרים מן המדרגה הראשונה.

ובהיות ש„הבקר" יוצא במרכז היותר גדול של חיי היהודים — בוורשא, מקום שם מורגש תמיד דופק החיים של היהודים, מבדיל הוא מקום מיוחד לחיי העיר והקהלה העברית היותר גדולה.

„הבקר", בחלק הפיליטוני שלו, עומד יחיד ומיוחד על מרום־נקודתו:
בכל יום היא מביא פיליטון, או גם שנים, מאת אחד מן הסופרים המפורסמים והחביבים.

כמעט כל הסופרים העברים המפורסמים השתתפו עד עתה בעבודתם הספרותית ב„הבקר", והם: אלדש, ב. אש״, בוקי בן יגלי, ב. בנימין, בעל מחשבות, ד״ר מ. י. ברדיטשבסקי, ר. בריינין, ד״ר שמעון ברנפלד, יצחק גרינבוים, א. מ. ווייסנברג, א. חרמוני, י. ח. טביוב, א. ל. יעקובוביץ, י. א. ליוורוביץ, א. ל. לעווינסקי, פריבאט־דוצנט פ. ליפשיץ, ד״ר נ. לעווין, ה. ד. נומברג, ש. גינר, מ. סטאווסקי, זלמן עפשטיין, ע. נ. פרענק, הלל צייטלין, יצחק קצנלסון, י. ח. רבניצקי, יונה ראזענפעלד, נ. שופמאן, ז. שניאו״ר, יעקב שטיינבערג.

ובאופן כזה לא יפלא, כי היה „הבקר", במשך זמנו הקצר, לעתון החביב על כל קוראיו ובשמחה נוכל לציין כזה את העובדא, כי רב יותר מאשר חכינו הראו הקוראים כי הכירו בקשי העבודה המוטלת עלינו ויתמכו בנו.

עבודת השכלול של „הבקר" עוד לא נפסקה, כי אם נמשכת מיום ליום, כמו שעיני הקוראים רואות, ובכל כהנו נתאמץ שיאמת „הבקר" את התקוות ששמו בו לכתחלה מיסדיו, ועתה גם קהל קוראיו.

מחיר החתימה ברוסיה: לש׳ 8 רובל, לחצי—4 ר׳, לרבע—2 ר׳, לחודש—75 קאפ.
בחו״ל: לש׳ 12 רובל, לחצי—6 ר׳, לרבע—3 רובל.

Ред. ГАБОКЕРЪ, Варшава, Холодная 8.
Red. HABOKER, Warszawa, Chłodna 8.

המו״ל **תנחום לעווין.**



# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumänien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nähere Auskunft und Preise gratis und franko!!

1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.

**Grundungsjahr 1864.**



# אלטער הארנער

קאנצעסיאנירטער שטיינמעטצמייסטער

## לאגער פון מצבות

אוים מארמאר, גראניט און סיעניט.

**A. HORNER Krakau, Metłgasse 37.**



סענזאציאנעללע נייהייט!
בערייטס איבער די גאנצע וועלט פערבייטעט!
ענארם ביללינ!

# מאנדליכט

איין וואונדער דער כעמיע אין יעדעם הויזע!

זיננרייך קאנסטרואירטער אפפאראט לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברענשטאף נעטיג, קיינע ווארטונג, דאהער גאראנטירט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג גערוכלאז אונד אונגעפעהרליך, צאהלרייכע אנערקעננונגסשרייבען.

„מאנדליכט" מאדעלל M. I. II. III.
פרייזע: קראנען 3·60. 4·80. 7·— 11·—

פראנקא אונד אינקלוזיווע פערפאקונג געגען פאראיינזענדונג אדער נאכנאהמע דעס בעטראגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Böhmen.**



MODELL
II.

Sensationelle Neuheit!
Bereits über die Ganze Welt verbreitet!
Enorm billig!

# MONDLICHT

ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbständig. Kein Brennstoff notig, keine Wartung, daher garantirt kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlos und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

**Mondlicht** Modell M. I. II. III.
Preise: Kronen 3.60. 4.80, 7.—, 11.—

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.



Modell M

**Mondlichtwerk A. Seib jun**
**Warnsdorf** 53/337 Bohmen.



# העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קונסטפאלע העברעאישע אונטערריכטס־בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גרעמאטיק אין פערשיערענען איבונגען ענטהאלטען קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גריינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען, האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען, אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**



# Verein „Israelit" in Wien

Genehmigt von der Hohen K. K. Niederosterr. Statthalterei.

## Kundmachung:

Der Verein Israelit in Wien bietet seinen Mitgliedern folgende Vorteile:

1) Heiratsstipendien für deren erwachsene Kinder ohne Unterschied des Geschlechtes.

2) Teilweisen Schadenersatz bei Elementarereignissen, wie z. B. Viehseuche, Ueberschwemmungen, Feuer und Hagelschaden.

3) Versorgung eines Mitgliedes nach dem Ableben eines Mitgliedes.

4) Erteilt der Verein seinen Mitgliedern Unterstützungen in allen kritischen Lebenslagen.

Wer nahere Auskunft haben will, der wende sich schriftlich an den

**Ausschuss des Vereines Israelit in Wien II.**
**Miesbachgasse Nr. 12.**



איין 8 פפערדינער

# גאז-מאטאר

(סיסטעם לאננען עט וואלף) אין גוטעם צושטאנדע זאפארט ביליג צו פערקויפען. אויסקונפט אין דער רעדאקציאן ריעזעס בלאטעס. אונטער „מאטאר".

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy

**Skład Gramofonów Józefa Wekslera**

| we Lwowie | w Krakowie |
|---|---|
| Sykstuska 2 | Grodzka 71 |
| Telefon 2033/II | obok Wawelu |

poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony,** oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze.**



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908.

najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

**Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu**

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**

Przeróbka lub zamiana Pathéfonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.



**Jeneralne zastępstwo**
Towarzystwa Ack. Gramofonów
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«






# „Muzyka“

**Podgórze, Rynek**

Gmach Magistratu

**Fabryczny skład orkiestryonów, gramofonów i pathefonów, oraz płyt najnowszych zdjęć, po cenach konkurencyjnych także na dogodne spłaty miesięczne.**

Katalogi gratis i franko.
Wysyła na prowincyę uskutecznia się odwrotną pocztą.

## טירקען־לאזע פאם יאהרע 1870.

6 ציהונגען יעהרליך.

הויפטטרעפער: 10,000 – 20,000 — 25,000 — 60,000 — 300,000 — 600,000

אונד פיעלע אנדערע גרעסערע געווינסטטרעפער.

נעכסטע ציהונג שוין אם 1 יוני מיט הויפטטרעפער פאן פראנקס **400,000**

עמפפיעהלט נעגען מאנאטסראטען פאן קראָנען 6, 7, 8, 10

**Karl Gottlieb, Bank & Wechselhaus, Krakau, Ringplatz 17.**

נאך ערפאלג דער ערשטען ראטע זאפארטיגעס שפיעלרעכט. דירעקטע פערבינדונג מיט דען פארטייען (אָהנע אגענטען) דאהער ביליגער אלס איבעראל.

## ברוכבענדער

ספעציאליסט אין באנדאזשען־פאבריקאציאן
פארמאן זייט 25 יאהרע

**Ant. M. Mirkiewicz w Krakowie Mostowa l. 4**

עמפפיעהלט אן לייטענדע־ברוך לייךענדען פערזאנען ברוכבענדער אייגענער אויסארבייטונג וויא איך בויכבינדען בעסטער קאָנסטרוקציאן. האכפרימא — בענדער אָהנע שנאללען אייגענער ערפינדונג, דיא דען פאָציג האבען, דאס זיא קיינע שמערצען פעראורזאכען. פיר פערזאנען ביא וויט פארטגעשריטטענעם צושטאנדע האט ער אם לאגער רעכטמעסיגע שוטצבענדער.

עס ווערדען אויך אויפקלערונג וועגען דער אנווענדונג דעם באנדעס ערטהיילט, וואס פיר אנפענגער איין גרויסען פארטהייל האט דא עס צור היילונג פיהוט אוגד דאס אונטער גאראנטיע.

Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej

# „Austro-Americana“



**Regularna i bezpośrednia komunikacya z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

| Rozkład jazdy. | | Ceny jazdy z Krakowa: | | |
|---|---|---|---|---|
| a) z Tryestu do Now. Yorku: | | I. klasy | II. klasy | III. klasy |
| Argentyna | 24 kwietnia | k 431·40 | k 330·10 | k 208·80 |
| Alice | 8 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 15 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 22 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 29 maja | » 431·40 | » 355·10 | » 223·60 |
| Argentyna | 12 czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Alice | 26 czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 3 lipca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 10 lipca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |

Dla pasażerów jadących przez Nowy-York do Kanady obniżają się powyższe ceny o **K. 20** —

**Ceny zawierają już amerykański podatek.**

| b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro: | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Zofia Hohenburg | 19 maja | k 881·40 | k 655·50 | k 138·80 |
| Franceska | 30 czerwca | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Zofia Hohenburg | 4 sierpnia | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Cena międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro | | | | » 138·80 |

**Zmiany zastrzega się.**

Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okręgowych

## Goldlust i Spółka

**Kraków, ul. Lubicz l. 7.**

naprzeciw dworca kolejowego

Lwów, ul. Na Błonie l. 2. — oraz wszystkie prowincyonalne ajencye
**Biuro spedycyjno-komisowe. Zastępstwo Austryackiego i p. »Lloydu«.**

דיא גענעראל־אגענטור
דער ענגלישען לעבענספערזיכערונגס־געזעללשאפט

## „גרעשהאם“

עריכטעט בעצירקס־אגענטורען אין אלען גרעסערען ארטשאפטען וועסטגאליציענס, אונטער גינסטיגען בעדינגונגען. אפערטע זינד צו ריכטען אן אדרעסע:
Generalagentur des „Gresham“ in Krakau, Grodgasse 29.

# Wiedeński Bank Związkowy

## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.

**Kapitał akcyjny 130 milionów koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.**

Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe**. — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.